**גוט שבת אלע אידן.** די הייליגע תורה איז מסביר די וואך די שכר וואס א איד באקומט פאר טון מצוות. ווייסט מען אז די עיקר שכר וועט מען באקומען אין עולם הבא. אזוי ווי רש"י זאגט "היום לעשותם. – ולמחר לעולם הבא ליטול שכרם." ד"ה, אין די וועלט דארף מען טון די מצוות און אין עולם הבא גייט מען באקומען די ריכטיגע שכר.

מיט דער עבודה וואס מען טוט אין די וועלט איז מען קובע די דרגה אין עולם הבא וואס איז נצחיות. צוליב דעם דארף יעדער בעל שכל ארייכאפן אין די וועלט אויסצונוצן יעדע רגע צו דינען דעם אייבערשטען. אזוי ווי די משנה זאגט "יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה. מכל חיי העולם הבא." (אבות ד,יז) ד"ה א איד קען נאר אויפטון דא אין די וועלט, ווייל אין יענע וועלט קען מען שוין נישט טון קיין מצוות. די פאלגענדע מעשה ווייזט ווי איין איד איז געקומען צו פארשטיין אז די עיקר לעבן דא אז א רוחניותדיגע הכנה צו חיי נצח.

"דזשעף לואיס" (נישט זיין עכטע נאמען) איז אויפגעוואקסן אין ניו דזשערסי. כאטש ער איז געווען א איד, האט ער עס נישט געוואוסט ביז ער איז געווארן אסאך עלטער. אלס קינד, האט דזשעף קיינמאל נישט געחלומט אז ער איז א איד. אזוי ווייט, אז ער איז אפילו געגאנגען אין א קאטוילישע סקול, רח"ל. ער איז פופצען יאר אלט געווען ווען זיין מאמע איז ליידער אוועק. אין די טאג וואס זיין מאמע איז אוועק, איז ער געוואר געווארן אז זי איז געווען א איד. אבער, קיינער האט אים נישט געזאגט אז דאס וואס זיין מאמע איז געווען א איד, מאכט עס אים א איד. וועגן דעם האט ער פאר 20 יאר נאכדעם וואס זיין מאמע איז אוועק, ווייטער געלעבט ווי א גוי, רח"ל.

אין די זומער טעג פון תשנ"ט, האט דזשעף אנגעהויבן צו שפירן אז ער איז נישט צופרידן אין לעבן. ער האט געפילט אז זיין לעבן איז ליידיג, ווייל ער האט נישט געהאט קיין רוחניות אין לעבן. מיר ווייסן אז א אידישע נשמה מוז האבן רוחניותדיגע סיפוק, ד"ה תורה און מצוות. אן דעם, הונגערט א אידישע נשמה.

דעמאלט האט דזשעף געארבעט אין א געשעפט וואס פארקויפט "קאר פארטס" (חלקים פאר קארס) אין ניו דזשערסי. אסאך מאל, פלעגט דזשעף ארויספארן אויף דעליווועריס צו קויפערס אין לעיקוואוד, וואס איז נישט אזוי ווייט אוועק פונעם געשעפט. אמאל איז אויסגעקומען אז ער איז דורכגעגאנגען די אידישע געגענט אין לעיקוואוד שבת צופרי, און ער האט געזען אידן גיין אין די גאסן מיט טלתים וכו'. די גאסן זענען געווען אזוי שטיל, און די מענטשן האבן אויסגעקוקט אזוי רוהיג. עס האט געמאכט א שטארקען רושם אויף דזשעף. ער האט געדענקט אז זיין מאמע איז געווען א איד, דורך דעם האט ער געשפירט אביסל שייכות מיט אידן, אפילו ער האט נישט געוואוסט אז ער איז א איד.

איינער פון די קאמפאניס וואס האט געקויפט פונעם געשעפט, וואו דזשעף האט געארבעט, איז געווען א אידישע קאמפאני אין לעיקוואוד. איין טאג, נאכדעם וואס דזשעף האט געמאכט א דעליוועריי צו זיי, איז דזשעף צוגעגאנגען צו צוויי אידן וואס האבן געארבעט דארט. איינער פון די אידן איז געווען שלמה ערענרייך, דער בעל הבית פון יענעם געשעפט, און דער אנדערער איד האט געהייסן מרדכי גאלדשטיין (זייערע עכטע נעמען). די צוויי אידן זענען איבערראשט געווארן צו הערן אז דזשעפ'ס מאמע איז געווען א איד. זיי האבן גלייך געזאגט צו דזשעף אז ער איז א איד. דזשעף איז געווארן אזוי פריילך, ער האט יעצט פארשטאנען וואס האט אים געפעלט אין זיין לעבן.

דריי וואכן שפעטער האט דזשעף געזען זיין מאמע אין חלום. זיין מאמע האט אים געזאגט אז ער זאל ווערן ערליך. דזשעף איז אויפגעשטאנען, ערשטוינט געווארן פונעם חלום וואס האט אויסגעקוקט אזוי עכט.

ווען ער איז צוריקגעגאנגען צו דעם אידישען געשעפט האט מר. ערענרייך אים געגעבן א ספר פון ר' אביגדור מיללער ז"ל. דזשעף האט געליינט דעם ספר מיט גרויס דארשט, און די ווערטער האבן געעפענט זיין הארץ. ער האט געוואלט וויסן נאך און נאך וועגן אידישקייט. א שטיק צייט שפעטער האט ער געהאט נאך א חלום. אן עלטערער איד איז געקומען צו אים אין חלום. יענער איד אין חלום האט געזאגט צו דזשעף אז ער איז געווען זיין מאמע'ס טאטע. זיין זיידע האט אים געזאגט אז ער זאל ווייטער לערנען וועגן אידישקייט.

נאכדעם איז דזשעף געגאנגען צו א שבתון פון א געוויסער קירוב ארגאניזאציע. יענע שבת האט געטוישט זיין לעבן. ער האט אפגעמאכט אז ער וויל היטן שבת. אבער, איין זאך איז שווער געווען, ווי אזוי וועט ער מסביר זיין פון שמירת שבת פאר זיין בעל הבית וואס איז געווען א גוי? יעדער ארבייטער האט געדארפט אריינקומען שבת.

דורך די קומענדיגע טעג פון דער וואך נאך דעם שבתון, האט דזשעף געוואלט רעדן מיט זיין בעל הבית, אבער ער האט נישט געהאט דעם קוראדזש.

פרייטאג נאכמיטאג איז אנגעקומען און דזשעף האט נאכנישט גערעדט מיט זיין בעל הבית וועגן שבת. יענע ערב שבת זענען די הימלען פארוואלקנט געווארן. ווען דזשעף האט געדארפט אהיימגיין פרייטאג נאכמיטאג, איז געקומען דעם לעצטן רגע פאר דזשעף צו זאגן צום בעל הבית אז ער וויל נישט אריינקומען שבת ביי טאג. אבער,ער האט נאך נישט געוואוסט וויאזוי דאס צו זאגן. דאן האט זיין בעל הבית געזאגט צו אים, "אויב עס וועט שנייען מארגען, זאלסטו זיך נישט מטריח זיין אריינצוקומען, נאר בלייב אינדערהיים."

שבת אינדערפרי איז דזשעף אויפגעשטאנען צו זען אז עס איז געפאלן א גרויסע שניי דורכן נאכט. ב"ה, האט ער געזאגט, און דורך דעם האט ער נישט געדארפט ארבעטן שבת. אבער די שבת האט זיך געענדיגט און עס איז געקומען די נעקסטע ערב שבת און דזשעף האט נאכנישט געזאגט צו זיין בעל הבית וועגן נישט ארבעטן שבת קודש. יענע שבת אינדערפרי איז דזשעף אויפגעשטאנען גרייט צו גיין צום ארבעט אזוי ווי יעדען טאג. אויפן וועג ארויס פונעם הויז האט דזשעף פלוצלינג נישט גוט געפילט. אזוי נישט געזונט האט ער געשפירט, ל"ע, אז ער איז נישט אריינגעגאנגען צום ארבעט. און דורך דעם איז דזשעף געראטעוועט געווארן פון ארבעטן שבת נאכאמאל.

דזשעף האט געוואוסט אז עס וועט נישט ווייטער קענען אזוי אנגיין, ער האט געמוזט זאגן צו זיין בעל הבית וועגן שבת. דזשעף איז טאקע געגאנגען צו זיין בעל הבית און ער האט אים דערציילט אז ער האט זיך לעצטענס אינטערעסירט אין אידישקייט און ער קען שוין נישט ארבעטן שבת. דורך דעם איז דזשעף צוביסלעך געווארן אינגאנצען שומר תורה און מצוות.

דזשעף האט פארשטאנען וואס איז וויכטיג אין לעבן. לאמיר אלע אפלערנען פון אים, און אלע טון וואס מען דארף טון צו קענען זוכה זיין צו עולם הבא. **גוט שבת אלע אידן.**